# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קפד**

**פקודי**

בענין

קושית הרדב"ז לפי שיטת הרמב"ם שהמעיל
לא היה לו בית יד, למה לא היה חייב בציצית

**וַיַּעַשׂ אֶת מְעִיל הָאֵפֹד מַעֲשֵׂה אֹרֵג כְּלִיל תְּכֵלֶת:** (שמות לט, כב)

## שיטת הרמב"ם

דער **רמב"ם** אין **הלכות כלי המקדש** (פרק ט הלכה ג) איז מבאר ווי אזוי די מעיל פון די כהן גדול האט אויסגעזעהן, אין שרייבט ער אזוי: **המעיל כולו תכלת** - די מעיל איז געווען געמאכט מיט צמר וואס איז געווען געפארט נאר מיט תכלת, **ואין לו בית יד** - אין די מעיל האט נישט געהאט קיין 'בית יד', דהיינו, עס איז געווען אזוי א לאנגע העמד, אבער אן שרוול (Sleeves) פאר די הענט.

## קושית הרדב"ז

דער **רדב"ז** (על הרמב"ם שם) פרעגט זייער א שטארקע קשיא אויף דער רמב"ם, וזה לשונו: **ואם תאמר, כיון שהיה המעילה בעל ד' כנפות למה לא היה חייב בציצית** - פירוש: לפי שיטת הרמב"ם קומט אויס אז די מעיל האט געהאט 'ארבע כנפות', און אויב אזוי פארוואס איז דער מעיל נישט געווען מחיוב צו לייגן אויף דעם ציצית?

## תירוצו של הכלי חמדה

דער **גאון עולם רבי מאיר דן פלאצקי זצ"ל** אין זיין מפורסם'דיגע ספר **כלי חמדה** אין פרשת שלח (אות ה) ענטפערט א שיינער תירוץ אויף דער קשיא, און ער איז מקדים מיט א באוויסטע **'מרדכי'** אין מסכת מנחות. וזה לשון המרדכי שם (סימן תתקמג): **גרסינן שלהי הקומץ (לח, א) התם כרמלית דרבנן הואי** - פירוש: דער מרדכי באצוהט זיך אויף א גמרא אין **מסכת מנחות** (לז, ב) ווי עס שטייט אזוי: **רבינא הוה קא אזיל אבתריה דמר בר רב אשי בשבתא דריגלא** - רבינא איז אמאל געגאנגן אין וועג צוזאמען מיט מר בר רב אשי אין איינער פון די שבתות וואס זיי פלעגן דרש'נען הלכות, **איפסיק קרנא דחוטיה** - און אינמיטן די וועג האט זיך אפגריסן איינער פון די ציצית פון מר בר רב אשי, **מהתם אמר ליה איפסיק** - האט אים רבינא פארציילט גלייך געזאגט אז איינער פון זיין ציצית האט זיך אפגעריסן, **אמר ליה** - האט מר בר רב אשי געזאגט פאר רבינא, **מאי דעתיך** - וואס האלטסו, דהיינו, וואס ווילסטו מיך זאגן מיט דעם אז די ביסט מיך מודיע אז מיין ציצית האט זיך צוריסן, **למישדייה?** - צו דען ווילסטו מיך זאגן אז איך מיז יעצט אויסטוהן ביי בגד של ד' כנפות, וויבאלד די איבריגע ציצית וואס הענגט אויף די בגד איז א 'משא' ווייל עס האט פארלוירן די 'שם מצוה' פון ציצית? זאגט מר בר רב אשי פאר רבינא אז אפילו אזוי מיז ער נישט אויסטוהן די בגד, וויבאלד **האמר מר** - אונז האבן געלערנט אין א ברייתא, **גדול כבוד הבריות שדוחה את לא תעשה שבתורה** - פירוש: אין די ברייתא שטייט אז 'כבוד הבריות' איז אזוי גרויס, אז עס שטופט אוועק אפילו א 'לא תעשה' פון די תורה, און וויבאלד דא אויב דארף איך אויסטוהן מיין בגד איז עס נישט קיין 'כבוד הבריות', און עס איז דוחה די לא תעשה פון 'מלאכת הוצאה בשבת', און איך דארף נישט אויסטוהן די בגד.

קומט די גמרא און פרעגט אויף מר בר רב אשי: **והא תרגומה רב בר שבא קמיה דרב כהנא, בלאו ד'לא תסור'** - פירוש: רב בר שבא האט מפרש געווען, אז דעם וואס די ברייתא זאגט 'גדול כבוד הבריות שדוחה את לא תעשה שבתורה', מיינט נישט צו זאגן אז 'כבוד הבריות' שטופט אוועק יעדער לא תעשה פון די תורה, נאר די כונה איז אז עס שטופט אוועק נאר 'איין' לא תעשה, און דעם איז די לא תעשה פון **'לֹא תָסוּר מִן הַדָּבָר אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל'** (דברים יז, יא), דהיינו די לא תעשה וואס די תורה זאגט אז מען דארף אויספאלגן אלע 'דברי חכמים', און דעם מיינט, אז כבוד הבריות איז דוחה נאר א 'איסור דרבנן', אפילו עס האט די 'לא תעשה' פון 'לא תסור', אבער יעדער אנדערע 'לא תעשה דאורייתא' איז כבוד הבריות נישט דוחה, און אויב אזוי ווי אזוי זאגט מר בר רב אשי אז דארף נישט אויסטוהן זיין בגד של ד' כנפות, כבוד הבריות איז דאך נישט דוחה קיין לא תעשה דאורייתא?

ענטפערט די גמרא: **הכא נמי כרמלית דרבנן הוא** - פירוש: די מעשה פון רבינא מיט מר בר רב אשי איז נישט געווען אין א רשות הרבים ווי מען טאר נישט טראגן דארט 'מדאורייתא', נאר די מעשה איז געווען אין א 'כרמלית' וואס דארט איז אסור נאר 'מדרבנן' צו טראגן, און לפי זה זאגט מען יא דארט די כלל אז 'גדול כבוד הבריות שדוחה לא תעשה', און ער דארף נישט אויסטוהן זיין בגד של ד' כנפות. עד כאן סוגית הגמרא במנחות.

אויף די גמרא קומט דער מרדכי און שרייבט: **אומר ה"ר שלמה מדרוש שאם נפסק לאיש חוט של טלית בשבת שאסור ללובשו עד שיתקן אותו, שאם לובשו עובר בעשה דיש לו ד' כנפות** - פירוש: **רבינו שלמה מדרוש** האט גע'פסק'נט אויב איינעם'ס ציצית האט זיך צוריסן בעצם היום השבת, טאר ער נישט ממשיך זיין צו גיין מיט די בגד של ד' כנפות, וויבאלד ער איז עובר אויף די מצות עשה אז א בגד של ד' כנפות מיז האבן ציצית - ביתר ביאור: די מצוה פון ציצית האט אין זיך צוויי חלקים. 1. אז מען טאר נישט גיין א בגד של ד' כנפות אן קיין ציצית, 2. א בגד של ד' כנפות מיז האבן ציצית. לפי זה קומט אויס אזוי, אז דעס איז א דבר פשוט אז אינדערוואכן אויב עס רייסט זיך אפ די ציצית איז א דבר פשוט אז מען זאל עס צוריק ארויף לייגן, און מען לייגט נישט צוריק ארויף קיין ציצית מעג מען נישט גיין מיט די בגד של ד' כנפות, נאר אפילו אויב עס רייסט זיך אפ שבת וואס דער מענטש איז א 'אונס' אפילו אזוי טאר מען נישט גיין מיט די בגד של ד' כנפות, וויבאלד ער איז עובר אויף א 'מצות עשה'.

זאגט אבער דער מרדכי: **והשיב ר"י דליתיה כדמוכח בשמעתין דאף על גב דאיפסיק בכרמלית הוי שרי משום כבוד הבריות דלא דחינן אלא לאו דלא תסור** - פירוש: דער **ר"י** זאגט אז פון די סוגית הגמרא אין מנחות איז משמע דלא כרבי שלמה מדרוש, ווייל מר בר רב אשי האט געזאגט אז ער מעג ממשיך זיין צו גיין מיט די בגד של ד' כנפות אפילו עס פעלט די ציצית, וויבאלד ער איז נאר אין א כרמלית, און ביי א דרבנן זאגט מען אז 'כבוד הבריות' איז דוחה א איסור דרבנן, און לכאורה אויב איז רבי שלמה מדרוש גערעכט אז מען טאר נישט גיין מיט א בגד של ד' כנפות וואס האט נישט קיין ציצית, איז אין הכי נמי מצד האיסור של כרמלית האט מר בר רב אשי נישט געהאט קיין פראבלעם צו ממשיך זיין צו גיין מיט די בגד של ד' כנפות, אבער לכאורה איז דאך דא א צווייטע איסור דהיינו די איסור פון גיין א בגד של ד' כנפות בלי ציצית? נאר על כרחך זעהט מען פון דעם אז עס איז נישט דא קיין איסור צו גיין א בגד של ד' כנפות בלי ציצית ודלא כרבי שלמה מדרוש.

און דער מרדכי איז ממשיך און ער ברענגט אראפ שיטת הר"י ביתר ביאור: **לכן נראה לר"י דמצות עשה דציצית אינו אלא להטיל בו ציצית כשילבשנו ולא אמר הכתוב בלשון 'לא תלבש בגד שיש לו ד' כנפים בלא ציצית', דאז היה הדין עמו אלא מצות עשה גרידא להטיל בו ציצית, ומכל מקום אין הטלית אסור ללבוש וגם אין עובר כיון שאין עתה יכול להטיל בו שהוא שבת, ובחול ודאי עובר כל שעה שלובשו בעשה דהטל בו ציצית** - פירוש: דער ר"י איז מסביר אז די מצוה פון ציצית האט אין זיך נאר איין זאך, דהיינו מען דארף לייגן אויף א בגד של ד' כנפות - ציצית, אבער עס איז נישט דא קיין איסור אז מען טאר נישט אנטוהן א בגד של ד' כנפות בלי ציצית. און אנדערע ווערטער: אוודאי אינדערוואכן ווען ציצית רייסט זיך אפ פון א בגד של ד' כנפות, מיז מען צוריק לייגן די ציצית, וויבאלד די האט אגאנצע צייט א מצות עשה פון 'הטל בו ציצית', און מען מעג נישט מבטל זיין די מצות עשה, אבער אויב עס רייסט זיך אפ ביי איינעם די ציצית בעצם יום השבת, וואס דעמאלטס איז ער אן אונס, ווייל שבת מעג מען נישט ארויף לייגן די ציצית, איז דער דין אז מען מעג ממשיך זיין צו גיין מיט די בגד של ד' כנפות, ווייל די גאנצע פראבלעם פון גיין מיט א בגד של ד' כנפות בלי ציצית איז נאר מכח די מצות עשה פון 'הטל בו ציצית', אבער אויב איז מען אן אונס און מען קען נישט לייגן קיין ציצית, אזוי ווי ביי די מעשה פון מר בר רב אשי וואס די מעשה איז געשעהן אין שבת, איז דא נישט קיין איסור מצד די מצוה פון ציצית צו גיין מיט א בגד של ד' כנפות אן קיין ציצית. עד כאן דברי המרדכי.

זאגט דער כלי חמדה: **נראה על פי דעת הר"י הנ"ל דלא אסרה תורה לילך בלא ציצית, אלא דמצות עשה להטיל בבגד ציצית, והיכא דהוא אנוס ואסור לו להטיל בו ציצית מותר לילך בלא ציצית, אם כן יש לומר כיון דבגדי כהונה אפילו נימא אחת יתירה הוי ריבוי בגדים** (זבחים יט, א) **אם כן אסור להטיל בבגד הלז ציצית דיהיה ריבוי בגדים, וכיון דאסור להטיל בו ציצית שוב מותר לילך בלא ציצית דהכא שאני כיון דאסור להטיל בו ציצית מצד ריבוי בגדים שוב מותר לילך בלא ציצית** - פירוש: דער כלי חמדה ענטפערט פארוואס די מעיל האט נישט געהאט קיין ציצית, איז וויבאלד ביי די בגדי כהונה איז דא א איסור פון 'ריבוי בגדים' אזווי די **גמרא** זאגט אין **מסכת זבחים** (יט, א עיי"ש), און אויב אזוי מעג מען נישט צו לייגן צו די מעיל קיין ציצית, און איינמאל מען 'מעג נישט' צו לייגן ציצית צו די מעיל גייט עס אריין בגדר 'אונס', און לפי דער ר"י וואס דער מרדכי האט געברענגט אז בגד של ד' כנפות וואס מען קען נישט לייגן אויף דעם קיין ציצית וויבאלד מען איז א אונס איז נישט דא קיין שום איסור צו גיין מיט דעם, וועגן דעם האט דער כהן גדול געקענט גיין די מעיל אפילו לפי שיטת הרמב"ם האט עס געהאט ד' כנפות!

## תירוצו הראשון של הדובב מישרים

דער גרויסע גאון און שר התורה דער **טשעבינ'ער רב** אין זיי ספר **שו"ת דובב מישרים** (חלק ב סימן טז) ענטפערט צוויי תירוצים אויף די קשיא.

און ער איז מקדים מיט וואס דער **בית יוסף** שרייבט אין הלכות ציצית (סימן י) וזה לשונו: **יש לדקדק במלבושים שלנו שהם פתוחים מלפניהם מלמעלה למטה, שהרי יש להם ארבע כנפות שנים סמוך לצואר ושנים למטה סמוך לארץ, למה אין מטילין בהם ציצית** - פירוש: דער בית יוסף פרעגט פארוואס זעהט מען נישט אז מען זאל לייגן ציצית אויף די בגדים וואס מען גייט היינטיגע צייטן וואס האט אויך ד' כנפות, דהיינו צוויי כנפות אויבן און צוויי כנפות אינטן [ראה תמונה][1] ? און דער בית

1



להערות והארות או לקבל הגליון אפשר לפנות להמייל mgudim1044@gmail.com

יוסף איז מאריך דארטן, און צום סוף שרייבט ער: **ולי נראה שהטעם שלא נהגו להטיל בהם ציצית משום דלא מיקרי כסות אלא הבא להגין על האדם מפני החום והקור זכר לדבר** (איוב כד, ז) **ואין כסות בקרה, והגלימא אין לובשין אותה להגן אלא מפני הכבוד שהרי אפילו יש לאדם כמה מלבושים אינו לחוץ בלא גלימא ואף על פי שלפעמים נהנה מחומה כיון שתחלת עשייתה אינו להתחמם בה לא חשיב כסות ופטור** - פירוש: דער בית יוסף איז מחדש אז די חיוב פון ציצית איז דוקא אויף א בגד וואס איז א 'כסות' דהיינו די בגד טוט מען אן כדי עס זאל באשיצן פון קעלט אדער פון היץ, אבער א בגד וואס מען טוט אן נאר לשם 'כבוד' אזוי ווי די 'גלימא' וואס מען גייט, וואס בעצם האט מען שוין קליידער וואס באשיצן די גוף, און די גלימא וואס מען גייט איז נאר לשם כבוד, וועגן דעם איז די 'מלבושים שלנו' פטור פון ציצית.

זאגט דער דובב מישרים: **ועל פי דברי הבית יוסף נראה לי לתרץ... שלא מצינו שהיה למעיל ציצית אף על גב שהיה לו ד' כנפות, ולהנ"ל יש לומר כיון דהתורה ציותה ועשית בגדי קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת, אם כן גילה לנו הכתוב דהבגדי כהונה הם רק לכבוד ועל כן שפיר פטורים מציצית** - פירוש: לויט ווי דער בית יוסף האט געשריבן, איז זייער פשוט פארענטפערט פארוואס די מעיל איז געווען פטור פון ציצית, וויבאלד ביי די בגדי כהונה שטייט קלאר (שמות כח, ב) **וְעָשִׂיתָ בִגְדֵי קֹדֶשׁ לְאַהֲרֹן אָחִיךָ 'לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת'**, דהיינו די בגדי כהונה איז נישט געווען לשם 'כסות' נאר עס איז געווען לשם 'כבוד ותפארת', איז פשוט פארוואס עס איז נישט געווען מחיוב בציצית.

און דער טשעבינ'ער רב איז ממשיך מיט א גרויסע חידוש: **ואפילו לדעת המג"א (סקי"ג) דחולק שם על הבית יוסף בסימן י', כל זה שם שהוא בעצמו מיחד הבגד רק לכבוד על כן סבירא ליה להמגן אברהם דבטלה דעתו, אבל הכא דכל ההלבשה הוא רק מכח מצות התורה שילבש בגדי כהונה לכבוד ולתפארת לעבוד עבודה, בודאי גם המגן אברהם יודה דלא חשיב בכלל בגד שהוא להגן ופטורה מציצית** - פירוש: דער טשעבינ'ער רב איז ממשיך און שרייבט, אז דער **מגן אברהם** דארט אין הלכות ציצית נאכן אראפברענגען די פסק און הסבר פון דער בית יוסף אז 'מלבושים שלנו' איז פטור פון ציצית, שרייבט: **ויען שהלכה זו רופפת ביד הגאונים, ולא מצאו טעם נכון, ירא שמים יעשה הקר א' עגול** - פירוש: דער מגן אברהם שרייבט אז וויבאלד די הלכה פון דער בית יוסף אז מלבושים שלנו איז פטור פון ציצית איז 'רופפת ביד הגאונים', דהיינו מען האט נישט געטראפן א 'טעם נכון' פארוואס די בגד איז פטור פון ציצית, וועגן דעם זאל א ירא שמים זיכער מאכן אז איינער פון די קרנות פון די בגד זאל זיין רינדעכיג, כדי עס זאל נישט זיין מחיוב בציצית. עד כאן דברי המגן אברהם.

זאגט דער טשעבינ'ער רב, אז לכאורה לפי הפסק פון דער מגן אברהם וועט נישט שטומען זיין תירוץ, וויבאלד דער מגן אברהם קריגט זיך אויף דער בית יוסף און ער האלט אז 'מלבושים שלנו' איז יא מחיוב מיט ציצית, איז הוא הדין די מעיל דארף אויך זיין מחיוב בציצית? זאגט אבער דער טשעבינ'ער רב א חידוש פון א פשט, בעצם שרייבט נישט דער מגן אברהם קיין שום טעם פארוואס די מלבוש איז פטור מציצית נאר ער שרייבט 'ולא מצאו טעם נכון', זאגט דער טשעבינ'ער רב אז די טעם פון דער מגן אברהם איז, וויבאלד די בגד וואס ער טוט אן האט בעצם אויף זיך אויך די סיבה פון 'כסות', דהיינו די בגד איז בעצם א בגד וואס אז געמאכט פאר א מענטש אלץ א 'כסות', נאר דא פערצאפאל טוט ער אן די בגד 'לשם כבוד', איז אויף אזא פאל זאגט מען אז 'בטלה דעתו', דהיינו סוף כל סוף איז דער בגד א בגד וואס קען געניצט ווערן פאר א כסות, און עס האט ד' כנפות, און דער מענטש האט מחליט געווען אז ער וויל אנטוהן די בגד לשם כבוד, אויף אזא אופן זאגט מען אז 'בטלה דעתו', און זיין מחשבה וואס ער האט אז עס איז לשם כבוד נעמט נישט אוועק די חיוב פון ציצית וואס די בגד האט. מה שאין כן ביי די מעיל פון דער כהן גדול, וואס די גאנצע בגד קומט 'נאר' לכבוד ולתפארת, אויף אזא אופן גייט אפילו די מגן אברהם מודה זיין צו די חידוש פון דער בית יוסף, אז אויב א בגד וואס כל כולו איז נאר מיוחד לכבוד איז פטור פון ציצית. און אויב אזוי קען שטומען די תירוץ אפילו לשיטת המגן אברהם וואס האלט אז 'מלבושים שלנו' זענען מחיוב בציצית.

## תירוצו השני של הדובב מישרים

א צווייטע תירוץ שרייבט דער דובב מישרים, וואס איז כעין די ערשטע תירוץ, וזה לשונו: **ולפי דברי התוס' בנדה דף ס"א** (ע"ב ד"ה אבל) **דבציצית נמי אינו חייב רק אם יש בו הנאת לבישה, ולפי דברי התוס' במנחות מ"א** (ע"א ד"ה תכלת) **דבגדי כהונה לא חשיב בגד שעשוי להנאתו, אם כן שפיר ניחא שלא היה להמעיל ציצית, והוי כעין דברינו הנ"ל** - פירוש: דער טשעבינ'ער רב ברוב גאונותו ברענגט אראפ צווי תוספות'סען, און מיט דעם פארענטפערט ער זיין די קשיא פון דער רדב"ז.

די ערשטע תוספות איז אין מסכת נדה. די **גמרא** זאגט דארט (סא, ב): **תנו רבנן, בגד שאבד בו כלאים** - א בגד של צמר וואס עס האט זיך בטעות אריין געפעדעמט אין דעם א חוט של פשתן, און מען ווייסט נישט ווי די פשתן איז [ווייל אויב מען ווייסט דארף מען עס ארויסנעמען פאר מען טוט עס אן] איז די הלכה: **עושה ממנו תכריכין למת** - מען מעג מאכן מיט די בגד תכריכים פאר א מת [און מען האט נישט מורא אז א איד גייט אראפ נעמען די בגד פון דער מת און עס אנטוהן, ווייל די תכריכים איז אסור בהנאה].

קומט דארטן **תוספות** (ד"ה אבל) און פרעגט: **ואם תאמר והאיכא לועג לרש, שמלבישו בדבר האסור ומראה לו שאין לו עוד חלק במצות, כדאמר בהתכלת** (מנחות דף מא.) **גבי ציצית וההיא שעתא ודאי רמינן ליה משום לועג לרש** - פירוש: די **גמרא** זאגט אין **מסכת מנחות** (מא, א): **אמר רב טובי בר קיסנא אמר שמואל: כלי קופסא חייבין בציצית** - שמואל האלט אז א בגד של ד' כנפות אפילו עס ליגט אין א ארון, דהיינו עס ליגט נישט אויף א מענטש, איז עס אויך מחיוב בציצית, ווייל שמואל האלט אז 'ציצית חובת טלית היא', דהיינו די חיוב פון ציצית ליגט אויף די בגד, און אפילו א מענטש גייט נישט מיט דעם איז עס אויך מחיוב מיט ציצית, זאגט די גמרא ווייטער: **ומודה שמואל בזקן שעשאה לכבודו שפטורה** - אפילו שמואל האלט אז א בגד בקופסא איז מחיוב בציצית, איז ער אבער מודה אז א בגד וואס מען האט געמאכט פאר א מת 'לכבודו האחרון', איז פטור פון ציצית, **מאי טעמא? אשר תכסה בה אמר רחמנא האי לאו לאיכסויי עבידא** - און די טעם פארוואס א בגד של מת איז פטור פון ציצית איז וויבאלד אין פסוק שטייט: **גְּדִלִים תַּעֲשֶׂה לָּךְ עַל אַרְבַּע כַּנְפוֹת כְּסוּתְךָ 'אֲשֶׁר תְּכַסֶּה בָּהּ'** (דברים כב, יב), דהיינו כדי א בגד זאל זיין מחיוב בציצית דארף עס זיין אזא סארט בגד וואס א 'אדם חי' גייט זיך צודעקן מיט דעם, און א בגד של מת איז דאך נאר מיועד פאר אדם מת, וועגן דעם גייט עס נישט אריין בגדר 'אשר תכסה בה', און עס איז פטור פון ציצית. זאגט אבער די גמרא: **בההיא שעתא ודאי רמינן ליה, משום לועג**

**לרש חרף עושהו** - פירוש: אפילו די הלכה איז אז א בגד של מת איז פטור פון ציצית, אפילו אזוי בשעת מען לייגט ארויף די בגדים אויף א אדם מת, לייט מען יא ציצית אויף די בגד, כדי מען זאל נישט זיין קיין 'לועג לרש', דהיינו אויב מען לייגט ארויף א בגד של ד' כנפות אויף א נפטר, ווייזט מען מיט דעם אז די מת איז שוין נישט מחיוב מיט קיין מצות, און מיט דעם איז מען 'לועג' אויף דער נפטר, און שלמה המלך זאגט אין משלי: לֹעֵג לָרָשׁ חֵרֵף עֹשֵׂהוּ (משלי יז, ה). לפי זה פרעגט תוספות, פארוואס מעג מען לייגן א בגד של כלאים אויף א נפטר, לכאורה זאל מען נישט מעגן מאותו טעם פארוואם מען לייגט ארויף ציצית אויף די בגד של מת, דהיינו משום 'לועג לרש', ווייל מען ווייזט פאר דער נפטר, אז ער איז שוין נישט מחיוב מיט קיין מצות, און ער מעג אנטוהן כלאים?

קומט תוספות און ברענגט א תירוץ אויף די קשיא פון דער רשב"ם וזה לשונו: **ופירוש רשב"ם דאין בו איסור ואפילו לחי כי האי גוונא שאין המת נהנה בו** - פירוש: די הלכה ביי כלאים איז אז עס איז נאר אסור אויב מען האט 'הנאה' פון די לבישה, און אויב מען האט נישט 'הנאה' פון די לבישה איז מען נישט עובר אויף די איסור פון כלאים. לפי זה זאגט דער רשב"ם, אז דער מת וואס גייט מיט די תכריכים של כלאים איז אפילו לו יצויר ער איז יעצט יא מחיוב מיט מצות מעג ער נאך אלץ גיין מיט די בגד, וויבאלד די מת גופא האט דאך נישט הנאה פון די לבישה, וויבאלד ער איז שוין טויט אין ער פיהלט נישט גארנישט, און אויב אזוי איז נישט דא קיין לועג לרש ווען מען טוט אן א מת מיט א בגד של כלאים, ווייל אפילו ביי א אדם חי איז די הלכה אז ווען מען האט נישט הנאה איז נישט דא קיין איסור, איז יעצט ביין דער מת איז ער סייווי נישט עובר אויף קיין איסור ווייל די סארט הלבשה איז דאך נישט אסור ווייל ער האט נישט קיין הנאה, און וועגן דעם איז נישט דא דא קיין 'לועג לרש'.

קומט אבער תוספות און פרעגט אויף די תירוץ פון דער רשב"ם: **וקשה דהא ציצית נמי אין החי חייב בו אם אין בו הנאת לבישה ומוכרי כסות דפטירי מכלאים פטורים נמי מציצית** - פירוש: תוספות פרעגט אויף דעם וואס דער רשב"ם זאגט אז ביי בגד של כלאים איז נישט דא די פראבלעם פון 'לועג לרש' וויבאלד אפילו ביי א אדם חי וואלט מען אויך נישט עובר געווען אויף די איסור פון כלאים וויבאלד מען האט נישט הנאה. זאגט תוספות אז לפי זה ווערט שווער פארוואס זאגט די גמרא אין מנחות אז מען לייגט ציצית אויף די תכריכים פון א מת מטעם 'לועג לרש', און תוספות איז מחדש און זאגט אז מען זעהט אז ביי כלאים איז די הלכה (משנה כלאים פרק ט, משנה ה) אז די מענטשן וואס פארקויפן קליידער מעגן גיין אויף זיך די קליידער אפילו עס איז כלאים, וויבאלד ער גייט נישט די בגדים צו הנאה האבן פון די לבישה, איז הוא הדין ביי ציצית איז דא די זעלבע דין אז אויב מען נישט 'הנאה' פון די לבישת הבגד איז די בגד פטור פון ציצית. און אויב וואס זאגט די גמרא אין מנחות אז מען דארף לייגן ציצית אויף די בגדים פון א מת, לפי ווי תוספות האט יעצט געזאגט איז א בגד נאר מחיוב בציצית אויב מען האט הנאה פון די לבישה, און וויבאלד דער מת האט דאך נישט הנאה פון די לבישה איז אפילו ביי א אדם חי איז די הלכה אז אזא בגד איז פטור פון ציצית, און אויב אזוי איז בכלל נישט דא קיין 'לועג לרש' ווען מען לייגט נישט קיין ציצית אויף א בגד של מת. עד כאן קושית התוספות בנדה שם. על כל פנים וואס אינז זעהן פון דער תוספות א חידוש הלכה (ולציין שחידוש זה מובא להלכה במגן אברהם סימן יט סק"ב) אז אויב מען האט נישט קיין 'הנאת לבישה' פון א בגד איז די בגד פטור פון ציצית.

די צווייטע **תוספות** איז אין **מסכת מנחות**. שטייט אין **מסכת מנחות** (מ, ב): **אמר רבי זירא אמר רב מתנא אמר שמואל, תכלת אין בה משום כלאים, ואפילו בטלית פטורה** - פירוש: איינער וואס לייגט תכלת [של צמר] אויף א בגד של פשתן איז נישט דא קיין איסור פון כלאים, וויבאלד די תורה האט מתיר געוועהן כלאים ביי ציצית, ולא עוד אפילו אויב מען לייגט תכלת אויף א בגד וואס איז בעצם פטור פון ציצית, איז די בגד אויך מותר און נישט אסור משום כלאים. קומט דארטן **תוספות** (ד"ה תכלת) און פרעגט: **והא דאמרינן** (לקמן מג.) **גבי הכהנים נהי דבעידן עבודה אישתראי שלא בעידן עבודה לא** - פירוש: תוספות פרעגט אז ביי כהנים זעהט מען אויך אז זיי מעגן גיין מיט בגדים של כלאים, אזוי ווי זייער אבנט וואס איז געוועהן געמאכט פון כלאים, און אפילו אזוי שטייט אז עס איז נאר מותר פאר די כהנים 'בשעת העבודה' אבער שלא בשעת העבודה איז אסור, און לכאורה איז שווער פארוואס לגבי 'ציצית' זאגט מען אז מען מעג גיין מיט כלאים אפילו אויף א בגד וואס איז פטור פון ציצית, און ביי בגדי כהונה זאגט מען אז נאר 'בשעת עבודה' איז מותר, פארוואס זאל מען נישט זאגן אז די איסור פון כלאים איז בכלל נישט דא ביי די בגדי כהונה? ענטפערט תוספות (בתירוצו השני): **בטלית שעשוי להנאתו חייב הכתוב כלאים אבל בגדי כהונה לא לביש אלא בעידן עבודה** - פירוש: תוספות ענטפערט מיט א יסוד'דיגע חילוק. די איסור פון כלאים גייט אן אויף א יעדער בגד וואס מען טוט אן 'להנאה'. און אויב אזוי קומט אויס אזוי: ביי ציצית איז די בגד 'להנאה' און אפילו אזוי האט די תורה געזאגט אז ביי 'ציצית' גייט נישט אן די איסור פון כלאים, און אויב אזוי גייט קיינמאל נישט אן די איסור פון כלאים ביי ציצית אפילו אויף א בגד פטורה. מה שאין כן ביי בגדי כהונה בעצם גייט אן די איסור פון כלאים ביי די בגדי כהונה, אבער בשעת העבודה איז עס פטור פון א זייטיגע זאך, דהיינו וויבאלד די בגדי כהונה טוט מען נישט אן 'להנאה' נאר מען טוט עס אן 'לעבודה', דהיינו ווייל די תורה האט געהייסן גיין מיט די קליידער, וועגן דעם דוקא 'בשעת העבודה' איז מען פטור אויף די איסור פון כלאים, מה שאין כן 'שלא בשעת העבודה', איז מען מחיוב אויף כלאים אזוי ווי א יעדער אנדערע בגד. עד כאן דברי התוספות. על כל פנים זעהט מען פון תוספות אז די בגדי כהונה גייט נישט אריין בגדר 'בגד להנאה', נאר א בגד וואס מען דארף גיין לצורך העבודה.

לפי דיביידע תוספות'ן זאגט דער טשעבינער רב איז זייער שיין פארענטפערט די קשיא פון דער רדב"ז. ווי מען זעהט אין תוספות אין מסכת נדה, איז א בגד מחיוב בציצית דוקא אויב עס איז דא 'הנאת לבישה', און ביי די מעיל וואס איז געוועהן מבגדי הכהונה זאגט דאך תוספות אין מסכת מנחות אז עס הייסט נישט קיין 'בגד להנאה', וועגן דעם איז די מעיל געוועהן פטור פון ציצית, אפילו לשיטת הרמב"ם אז די מעיל האט געהאט ד' כנפות. כפתור ופרח!